עס האָט נישט געהאַט קײן סך ערד; און עס האָט
באַלד אַרױסגעשפּראָצט, דערפֿאַר װאָס עס האָט
6 נישט געהאַט קײן טיפֿע ערד; װען אָבער די זון
איז אױפֿגעגאַנגען, איז עס פֿאַרװעלקט געװאָרן,
און צוליב דעם װאָס עס האָט נישט געהאַט קײן
7 װאָרצל, איז עס פֿאַרדאַרט געװאָרן. און אַן אַנדער
ביסל איז געפֿאַלן צװישן די דערנער; און די דערנער
8 זענען אױפֿגעװאַקסן, און האָבן עס דערשטיקט. אַן
אַנדער ביסל איז אָבער געפֿאַלן אױף דער גוטער
ערד, און עס האָט געבֿרענגט פֿרוכט, אײנס הונדערט־
פֿאַכיק, אײנס זעכציקפֿאַכיק, און אײנס דרײסיק־
9 פֿאַכיק. װער עס האָט אױערן, דער זאָל הערן!
10 און די תּלמידים זענען צוגעקומען, און האָבן
געזאָגט צו אים: פֿאַרװאָס רעדסטו צו זײ אין
11 משלים? און ער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט: װײל
צו אײך איז געגעבן געװאָרן צו װיסן די סודות פֿון
דעם מלכות השמים, צו יענע אָבער איז עס נישט
12 געגעבן געװאָרן. װאָרום װער עס האָט, דעם װעט
געגעבן װערן, און ער װעט האָבן אַ שפֿע; װער
אָבער עס האָט נישט, פֿון דעם װעט אױך אַװעק־
13 גענומען װערן, װאָס ער האָט יאָ. דערפֿאַר רעד
איך צו זײ אין משלים; װײל זײ קוקן און זעען
דאָך נישט, און הערן און הערן דאָך נישט, און
14 פֿאַרשטײען אױך נישט. און אױף זײ װערט דערפֿילט
ישעיהוס נבֿואה, װאָס זאָגט:

מיט די אױערן װעט איר הערן, און נישט
פֿאַרשטײן,
און קוקנדיק װעט איר קוקן, און דאָך נישט
זעען!
15 װאָרום פֿעט געװאָרן איז דאָס האַרץ פֿון דעם
דאָזיקן פֿאָלק,